# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Elegyes (Elegies)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7qf0k13b

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

**Author**
Malekh (Malech), Loti (Lotty)

**Publication Date**
1979

**Copyright Information**
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לאָטי פ. מלאך

# עלעגיעס

דער קינסטלער שטאַרבט צוויי מאָל און אפשר מער? איין מאָל גייסטיק און איין מאָל פיזיש. ס'איז נאָך קיין מאָל קיינער ניט צוריקגעקומען און דערציילט וועגן חבלי מוות — די יסורים פונעם פיזישן טויט. אָבער וועגן גייסטיקן אונטערגאַנג ווייסן מיר: מיר האָבן דאָס צוגעזען, מיטגעמאַכט, אַדורכגעלעבט.

* * * * *

אין די פערציקער יאָרן איז דואַרטי סאַניטאַריום פאַר לונגען־קראַנקע געווען אַ יידישע זייער פּאָפּולערע אינסטיטוציע באַוווסט איבערן גאַנצן לאַנד און אין שכנישע לענדער, ווי קאַנאַדע, מעקסיקאָ און אַנדערע לענדער. עס האָבן זיך געצויגן אַהער די „רעשטלעך" פונעם סוועטשאַפּ, וועלכע האָבן געפּרווט, אין קאַליפאָרניע, אָפּראַטעווען די שארית פון זייערע אויסגעהאָרעוועטע יאָרן און האָבן אויך דאָ אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע ביסל בלוט.

פון דעסטוועגן זיינען געווען אויך אַזעלכע, וועמען ס'איז געלונגען, מיט דער הילף פון גוטע דאָקטוירים, מילדער לופט און גוטער אויפזיכט, זיך טאַקע אַרויסצוראַטעווען פון דער חלאַת טובערקולאָז (טי־בי אויף ענגלישער פאַרקירצונג), געזונט צו ווערן און פאַרלאָזן דעם סאַניטאַריום, ווער מיט איין לונג, ווער מיט ביידע לונגען. מיט איין לונג קאָן אַ מענטש אויך לעבן — עליהיי מיט איין אויג — און פונקציאָנירן. ס'איז געווענדט וואָס פאַר אַ פונקציע ער דאַרף אויספירן. די איינצעלנע, וועלכע האָבן פאַרלאָזט דעם סאַניטאַריום, האָבן איבערגעלאָזט אַ סך האָפענונג פאַר די שווער־קראַנקע, וועלכע זיינען פאַרבליבן: „אָט זעט איר דאָך, מענטשן קומען פאָרט אַרויס אויסגעהיילטע." קאָן דאָך דער ווונדער מיט זיי אויך געשען...

* * * * *

דאָס יידישע לעבן פון דער אַלטער היים, וואָס האָט זיך געטראָגן קיין אַמעריקע אויף די גרויסע עמיגראַציע כוואַליעס, האָט זיך דאָ צעפירט די הענט: געלערנט פאַרשיידענע מלאכות, געשאַפן, בפירוש געשאַפן פרנסות, דער עיקר אַ פאַרצוויגט נאָדל־פאַך און צוזאַמען מיטן סוועט־שאַפּ אויסגעבויט גרויסע פאַבריקן און אינדוסטריעס. ס'האָט פאַר זיך געפונען אַן אָרט און געשאַפן אויך אַ שטייגער־לעבן. אמת, דאָס אָרט איז געווען זייער באַשרענקט פאַרן יידישן לעבן אין גאָלדענעם גרויסן לאַנד. די איסט־סייד מיט אירע גאַסן און „באַרימטע" הינטערגעסלעך איז געווען שטאַרק ענג פאַר די אָנקומענדיקע גרויסע מאַסן: יונג און געזונט (ווייל קיין קראַנקע האָט מען ניט אַריינגעלאָזט), פעיקע און שלימזלדיקע, לייטישע און אומלייטישע. און אין דעם גרויסן געמויזעכץ איז פאָרט געשאַפן געוואָרן אַ ניי יידיש שטייגער־לעבן, וואָס האָט צעשפּאַרט די ווענט פון איסט בראָדוויי און זיך צעשפּרייט ביז יוניאָן־סקווער, ברוקלין, בראָנקס, ביז, ביז... פון דעם אַלעמען איז דער יידישער שרייבער, אַקטיאָר, קינסטלער ניט געווען אָפּגעטיילט נאָר אַ יוצא מן הכלל. ער איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל מיט דעם אַלעמען, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איסט־סייד, שוין פשוט דערפאַר, ווייל ער ווי אַלע האָבן געאַרבעט אויפן שטיקל ברויט, אויף דער דירה ערגעץ־ווו אויף אַ „פלעט" אין אַ טענעמענט־הויז, אַזוי איז אויך געווען דאָ, אין דואַרטי סאַניטאַריום — היינט „סיטי אָוו האָופּ".

אייגנטלעך איז די איסט־סייד אויך געווען אַ שטאָט פון האָפענונג, האָפענונג פאַר מיליאָנען. אַזוי איז אין איין צימער געלעגן יוסף ראָזנשטיין, אַ שטוב־מאָלער, וועלכער איז געקומען אַזש פון „פּאַלעסטינע" זיך דאָ אָנצונעמען מיט לוקימיאַ (היינט ווייסט מען, אַז אין קאַלך מישט מען צו אַזבעסטוס); אַ יונג מיידל פון מאָנטרעאַל, וועמען די אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן האָט דורך איר פּראָטעקציע אַריינגעגעבן אין סאַניטאַריום. אין אַ צווייטן, דריטן אָדער פערטן צימער איז געלעגן אַ פּרעסער ביי „קלאָוקס", וועלכער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די שעדלעכע פאַרע פונעם „סטים־אייזן; אַ פאַריער מיטן נאָמען אייזיק ראַבאַי, אַ שוישפּילער — אַ

זינג־פייגעלע, לאַזאַר פריד, און פיל אַנדערע פּאַציענטן.

אייזיק ראַבאָין האָב איך געקענט דורך זיין ראָמאַן „ביין ברידער" און טאַקע דערפאַר, ווייל איינער פון זיי איז געווען ער אַליין. ער האָט געוווינט אין די שלום עליכם הייזער ווו איך האָב געלערנט אין אַ יידישער שול. איך פלעג אים זען גיין אין די פרימאָרגנס צו דער אַרבעט. איך האָבן אים געזען, אין זוניקע טעג, שפּאַצירן אין וואַן קאָרטלאַנד פּאַרק (וועסט בראָנקס). איך פלעג זען זיין ליכטל אין פענצטער פון דריטן שטאָק שפּעט ביינאַכט ווען ער פלעגט זיצן און שרייבן. ער איז ניט געווען קיין באַריידעוודיקער און איך אַליין בין דאָס אויך ניט. אַזוי, אַז מיר האָבן זעלטן פאַרביטן אַ פאָר ווערטער. מיינער אַ באַקאַנטער האָט אים אַמאָל אָפּגעשטעלט און געפרעגט, ווי לאַנג עס נעמט צוצוגיין פון די שלום עליכם הייזער צו מאָשעלו פאַרקווי עלעווייטאָר? האָט ער געענטפערט: ס'געווענדט אין דעם, וועמען מען באַגעגנט אויפן וועג." ער האָט געשמייכלט און מיר האָבן געלאַכט און בעת מעשה האָב איך באַמערקט, אַז נישט געקוקט אויף זיין קליינער געשטאַלט זיינען באַקן געפורעמט פון שטאַרקע באַקנביינער, ממש ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. ביז דעמאָלט איז אונדזער באַקאַנטשאַפט געווען: „גוט מאָרגן — גוט יאָר." נאָר נאָך די באַגעגעניש האָט ער מיך תמיד פאַרטשעפּעט מיט אַ וואָרט.

געהערט אַז אייזיק ראַבאָי געפינט זיך אין דואַרטי בין איך אים געגאַנגען מבקר חולה זיין. ער האָט נאָך דעמאָלט אויסגעקוקט גאַנץ גוט. ווען מען ווייסט ניט אַז ער געפינט זיך אין סאַניטאַריום, וואָלט מען זיך קוים געקענט פאָרשטעלן אַז ער איז קראַנק אויף דער געפערלעכער קרענק.

לאַזאַר פרידן — דאָס פידעלע, האָב האָב איך געקענט בלויז פון דער בינע. די געשטאַלטן חנן אין ש. אַנסקיס דיבוק און נתן, דער ערלעכער גלויביקער נתן, אין שבתי צבי, האָב איך קיין מאָל ניט געקענט פאַרגעסן. (כאָטש איך האָב אים געזען אין אַ סך אַנדערע פּיעסן). ער האָט די ראָליע, נתן, ממש אויסגעציטערט אויף דער לירע פון זיין שטים. אַלע קריטיקערס גיבן אָן זיין שטים אַלס אַ באַריטאָן און איך וואָלט געשווירן אַז ער האָט געהאַט אַ טענאָר. איך האָב אים געזען כמעט אין אַלע זיינע וויכטיקע ראָלעס, מחמת אין זומער, ווען אין ניו־יאָרק האָבן זיך פאַרמאַכט אַלע טעאַטערס פלעגן זיך די טרופּעס אַראָפּלאָזן אויף דער פּראָווינץ. בפרט דאָס קונסט־טעאַטער האָט געהאַט אַ חזקה צו גאַסטראָלירן אין טאָראָנטאָ. איך פלעג גיין מיט לייב מלאך ע"ה צו מנחה און צו מעריב. דאָס הייסט, צו די נאָמיטאָג פאָרשטעלונגען און צו די אָוונטדיקע. בכלל האָב איך לאַזאַר פרידן געקאָנט מערסטנס דורכן קונסט־טעאַטער. ווי אַזוי און ווען ער האָט „געלאַנדעט" אין סאַניטאַריום איז מיר דעמאָלט ניט געווען באַוווּסט. ער ראַבאָי האָט מיר דאָס איבערגעגעבן.

געהערט ער איז דאָ (אָנשטאָט אויף דער בינע) בין איך געלאָפן אים זען. איך האָב אים קיין מאָל גאָרניט געפרעגט, אַחוץ דעם שאַבלאָנעם „וואָס מאַכט איר?" ער האָט געוווּסט ווער איך בין, כאָטש איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, ניט געזאָגט מיין נאָמען. נאָרוויל איך האָב באַמערקט אַז זיין פנים לייכט אַביסעלע אויף בעת מיין אַריינקומען, האָב איך עס געמאַכט פאַר מיין עובדה אים צו באַזוכן אַזוי אָפט ווי כ'האָב נאָר געקענט. כאָטש אייזיק ראַבאָין האָב איך בעסער געקענט ווי לאַזאַר פרידן איז פריד מיר געווען נעענטער. ס'האָב זיך איינגעשטעלט עפּעס אַ געמיט קרובהשאַפט צווישן אונדז.

דואַרטי איז דעמאָלט געווען „ווייט" פון לאָס אַנדזשעלעס. נישט געווען קיין דירעקטע טראַנספּאָרטאַציע. ספּלעגט זיך שלענגלען עפּעס אַ רויט־געפאַרבטער טראַמוויי אין אַ „קעניאָן" אונטער בריקן אַ האַלבן וועג. דערנאָך האָבן זיך די שינעס אָפּגעהאַקט און דו האָסט געמוזט וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. און אין אַ דריי שעה אַרום ביזטו ענדלעך אָנגעקומען קיין דואַרטי, און פון דאָרטן, אַז מען איז נאָך געגאַנגען צופוס אַ שטיק וועג, פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע קלענערע הייזער, ווו קראַנקע האָבן זיך אויפגעהאַלטן, האָט מען ענדלעך דערגרייכט דעם גרויסן מויער.

אינעווייניק — אַ גאָרטן מיט בלומען כלערליי. בענק אויף צו זיצן און הייזער מיט הייזקעלעך צו עטלעכע צימערן אין

אַ הויז פאַר די קראַנקע. ערגעץ־וווּ איז געווען דער מעדיצינישער צענטער, דאָס האָט מען ניט געזען גלייך ביים אַריינקומען. דערקעגן די שול איז געשטאַנען אין פולער פּראַכט קעגן דער זון. און ווייל ס'איז געווען אַזוי ווייט פלעג איך זעלטן קומען אַהין. און ווייל כ'בין זעלטן געקומען האָב איך געקענט באַמערקן די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די קראַנקע: ווער עס פילט זיך בעסער און ווער חלילה פאַרקערט. לאַזאַר פריד האָט זיך געפילט ערגער. פון צייט צו צייט האָט זיך ביי אים פאַרהאַקט דאָס קול און ס'איז אים נאָר געגאַנגען אין דעם, אַז דאָס קאָן אים נאָך אַמאָל שאַטן צום זינגען. וואָרעם אויב ניט זינגען, אויב ניט שפּילן, זעט ער ניט צוליב וואָס ער דאַרף אין גאַנצן געזונט ווערן...

ענלעך צו אייזיק ראַבאַי איז לאַזאַר פריד אויך ניט געווען קיין איבעריק באַריידעוודיקער, נאָר אין זיין שווייגן איז געלעגן אַ וועלט מיט צער. איין מאָל, אַזוי אין אַ שטומען שמועס וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט: „צוליב אים האָב איך געקראָגן די „טשוכאָטע". כאָטש איך האָב אים ניט איבערגעפרעגט ווער דער „אים" איז, האָב איך זיך משער געווען, אַז דאָס מיינט ער אַ געוויסן רעזשיסאָר. ער האָט געהאַט תרעומות, גרויסע תרעומות. צי גערעכטע אויך?...

די אויגן האָבן ביי אים געברענט מיט אַן אומהיימלעך פייער; נאָר די האָפענונג האָט גענומען זינקען, זינקען. ער האָט קיין מאָל ניט דערמאָנט אַ וואָרט וועגן זיינע פיזישע ליידן. ס'האָט זיך בלויז אַמאָל געהערט דאָס ווויל־באַקאַנטע כרייפּעלע, ווי אַ נישט געזעענע האַנט וואָלט פאַמעלעכן, פאַמעלעכן פאַרמאַכט די טיר.

ער האָט, ווייזט אויס, דאָ ניט געהאַט קיין שום באַקאַנטע; איך האָב קיין מאָל ניט געטראָפן קיין באַזוכער ביי אים. פון ניו־יאָרק פלעגט זיך יאָ אַמאָל אַראָפּכאַפּן אַ פריינד, אַ קאָלעגע, אָדער סתם מענטשן פון דער טעאַטער־וועלט. דאָס פלעגט אים זייער אויפמונטערן און ער פלעגט פון אַזאַ באַזוך ציען חיות פאַר עטלעכע וואָכן.

איין מאָל, כ'קום אַריין, ווייזט ער מיר די טעאַטער זייט פון „פאָרווערטס". מען גייט אויף סניי אויפפירן פרץ הירשביינס „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל". זיין ראָלע שפּילט שוין עמיצער אַנדערש. די לאַנגע נאָז זיינע איז נאָך לענגער געוואָרן. דאָס פּנים — דינע שטריכן אויף ווייס פּאַפּיר. און ווען ער האָט געפּרוּווט אַ שמייכל טאָן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס פּאַפּיר קנייטשט זיך.

מיט דריי חדשים פריער האָב איך אים נאָך איבערגעלאָזט אַ שטיקל מענטש. אַ מענטש מיט פּראָטעסט קעגן זיין פיזישן צושטאַנד, אַ מענטש מיט קריוודעס! היינט, גאָלע רעזיגנאַציע. דאָס מאָל האָב איך זיך שוין צוגעאיילט מיט מיינע באַזוכן. איין מאָל, איך כאַפּ זיך אַריין אויף די שפּיץ פינגער צו אים אין צימער אַריין. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיך געזען און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס חדר — איינגעהילט אין שאָטן. זיין זון, זיין איינציקער זון, איז געזעסן אין אַ ווינקל, כ'האָב אים ניט געזען. זיי האָבן ניט גערעדט צווישן זיך און איך האָב געמיינט אַז ער איז אַליין. לאַזאַר האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיין בלייכער האַנט, ווי מיט אַ ווייסן פליגל פון אַ טויב: „מיין זון". יענער האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרנייגט. איך האָב גלייך דערפילט ווי איבעריק איך בין דאָ אין דעם מאָמענט און האָב זיך גענומען רוקן אויף צוריק. „זיצט", האָט לאַזאַר געשעפּטשעט. „מיין זון קען איך. איך האָב אים אַלע מאָל דערציילט ווי איר ברענגט מיר בייגל מיט לאַקס און אַנדערע זאַכן פאַר מיין אַפּעטיט," האָט ער קרום אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: „ס'פעלט מיר טאַקע אויס." דער זון האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך האָב ניט געוווּסט וואָס דער שאָקל באַטייט און האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ פון אַ בענקל. זיצן, זיצן מיר דריי מענטשן און רעדן מער ניט אויס קיין וואָרט. ניט געווען וואָס צו זאָגן. נישט לאַזאַר, נאָר זיין זון האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן: „דו זעסט?" איך האָב געזען. געזען וואָס כ'האָב געזען! מיט דריי טעג שפּעטער האָב איך אָנגעקלונגען אין סאַניטאַריום און געקראָגן דעם ריכטיקן ענטפער.

פונקט ווי לאַזאַר איז אייזיק ראַבאַי אָנגעקומען אין סאַניטאַריום נאָך פיל־וויניק

אַ יונגער מענטש. זיי זיינען גערוקט אין עלטער מיט פינף יאָר — לאַזאַר פריד איז געבוירן אין יאָר 1888 און ראַבאַי אין 1883 — ער, ראַבאַי האָט פון דאַנען נאָך געשיקט קאַפּיטלעך צו דער מאָרגן־פריי־הייט און די מ. פ. האָט אים געצאָלט זיינע שכירות.

ווען איך פלעג אים קומען זען האָט ער נאָך גערעדט מיט זיין שטילן, ערנסטן הומאָר: „ווער וועט דאָרטן אכטונג געבן אויף די שלום עליכם הייזער, ווען איך בין 'דאָ' און איר זיינט אויכעט דאָ?"
ער פלעגט זיך אַמאָל באַקלאָגן, אַז דאָס שרייבן קומט אים אָן זייער שווער. אָבער ער האָט געשריבן; נאָר וואָס אַמאָל ווייניקער און ווייניקער, ביז ער האָט מער ניט געקאָנט צושטעלן די קאַפּיטלעך. הגם קיינער האָט אים ניט געגנויט, קיינער האָט ניט געפּאָדערט פון אים. אָבער דאָס איז טאַקע געווען די צרה וואָס קיינער האָט ניט געמאָנט. צו שרייבן ביזן לעצטן מאָמענט פונעם לעבן, אָדער צו שטאַרבן אויף דער בינע, דאָס איז אַ חסד עליון, וואָס ניט יעדער איז עס זוכה. יענע זיינען די גליקלעכע: זיי שטאַרבן בלויז איין טויט.

ראַבאַי איז געקומען אין סאַניטאַריום מיט איין יאָר צו שפּעט. אַזוי האָבן די דאָקטוירים געזאָגט. פאַרשפּעטיקן די באַן אויף אַ יאָר איז ניט קיין קלייניקייט... פון דעסטוועגן האָט ער זיך פון צייט צייט צו צייט אָנגעהויבן פילן בעסער און ער האָט אַריינגעלייגט גרויסע האָפענונגען אין דער שיינבאַרער „בעסערקייט". — אַזוי ווי ער וועט נאָר קומען אַ ביסעלע צו זיך נעמט ער זיך גלייך שרייבן זיין געפּלאַנטן ראָמאַן. פּלוצלינג איז אָנגעקומען די „מאָרגן פרייהייט" אין וועלכער ס'איז געווען געמאָלדן מיט פעטער שריפט אַז שלום אַש איז איבערגעגאַנגען פון „פאָרווערטס" צו דער „מאָרגן פרייהייט", באַצירט, פאַרשטייט זיך, מיט געהויבענע עפּיטעטן — איין קלייניקייט: שלום אַש! און פּריטיק דעם 8טן אָקטאָבער וועט זיין געדרוקט זיין ערשטער אַרטיקל: „לאָמיר זיך איבערבעטן." האָט ער געקראָגן דעם ערשטן גייסטיקן קלאַפּ. ווען ער ראַבאַי, איזגעזונט און אַרבעט ווייטער מיט אין דער צייטונג, וואָלט ער מסתמא דאָס געשעעניש באַגריסט ביז אין הימל אַריין.

אָבער ווען זיינע קאַפּיטלעך זיינען אַלץ זעלטן און זעלטענער געדרוקט געוואָרן, האָט ער דערפון געצויגן די ריכטיקע מסקנה און ער האָט אָנגעהויבן גייסטיק צו צאַנקען. שווער, געוואַלדיק ווייטאָגדיק איז פיזישע עקזיסטענץ אין גייסטיקער גסיסה.

פון דעם געזאָגטן קאָן זיך אַמאָל שאַפן דער איינדרוק, אַז עמיצער איז גורם געווען זיין טויט. חלילה! דאָס איז דער דרך הטבע. אָבער, ווי גרויזאַם עס איז דער דרך הטבע.

ער האָט אַרויסגערופן שרהן, זיין ווייב. זיין געטרייע ווייב, ווי אַ מאַמע. זי האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון לאָס אַנדזשעלעס קיין דואַרטי און געפאָרן יעדן צווייטן טאָג, געקאָכט יאָכלעך פאַר אים כדי אים צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. אַ האַרץ קאָן מען נאָך אַמאָל דערכאַפּן, אָבער בישט קיין נשמה...

זי האָט אים טאַקע דערכאַפּט דאָס האַרץ אויף אַ קנאַפּ יאָר צייט.

* * * * *

## מיין „פּאַלאַץ" אין באָיל הייטס

דירות זיינען אין יענער צייט, די פּריע פערציקער יאָרן, געווען זייער שווער צו קריגן. ס'איז פאָרגעקומען אַן אינלענדישע ימיגראַציע צום מערב, דאָס איז געווען צוליב דעם שיף־בוי, עראָפּלאַנען פאַבריקן, און דאָס וואָס מען רופט אָן ציניש אויף ענגליש „האַרדוואַר" — אַלערליי מלחמה מכשירים — טאַנקן, קאַנאָנען, אַמוניציע. די מלחמה איז געווען אין פולן ברען און מענטשן זיינען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַרבעט. מחוץ לזה האָט מען אָנגעהויבן תופס זיין דעם געוואַלדיקן באַטייט פון דער מלחמה. זיינען געקומען מאַסן מענטשן און פאַר אַ סך האָט זיך איינגעשטעלט דאָס טרויעריק באַוווסטע לעבן פון קוואַרטיראַנטן — דאָס הייסט, אַ צימער ביי יענעם אין הויז. ווער עס ווייסט ניט דעם טעם דערפון זאָל טאַקע קיין מאָל ניט וויסן.

נאָך גרויסער אָנשטרענג און פּראָטעקציע האָב איך זיך דערשלאָגן צו אַ דירה — אַ הייזקע הינטער אַ גרויס באַלעבאַטיש הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף באַלדער סטריט. די הייזקע האָט געהאַט צוויי

אַפּאַרטמענטלעך, איינס פון זיי האָב איך געדונגען. אַ דירה אַ „פּאַלאַץ“: אַ ברייטע טיר מיט עטלעכע שייבלעך פון אויבן האָט געדינט פאַר אַן אַריינגאַנג און פאַר אַ פענצטער. אינעווייניק טונקל. אַ גרויס טאָפּלט בעט האָט פאַרנומען אַ האַלבע שטוב. על פי אָרדענונג האָט מען באַדאַרפט דאָס בעט אויפהייבן און עס אַריינדרוקן אין דער וואַנט. נאָר ווער האָט געהאַט כוח אויפצוהייבן אַזאַ „מאָנסטראָסיטי“ אויף פאַרזשאַווערטע ספּרינגזשינעס? האָט דאָס בעט דאָמינירט דאָס פראָנט־צימער. די קיך איז שוין געווען ליטישער. איבערן „סינק“ אַ ברייט פענצטער און קעגנאיבער — אַריינגעזעצט אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ טיש מיט צוויי בענק צונויפגעקלאַפּט, וואָס איז אַמאָל געווען גרין געפאַרבט. דאָס האָט מען אָנגערופן אויף אַ חנעוודיקן ענגליש: „ברעקפעסט נוק“. אין מיטן — די קיך איז געווען ברייטער ווי לענגער — אַ גרויסער פאַראָסטער אויוון. איך דרויסן, פאַרן פענצטער, איז געשטאַנען אַן אַלטער בוים, וואָס האָט אַריינגעפּאָכעט שאָטן.

זעט איר, דאָס שלאָפצימער איז טאַקע געווען גאָר ליטיש: ליכטיק, צוויי פרייע פענצטער. צי ווייסט עמיצער וואָס ס'הייסט פרייע פענצטער פאַד אַ מענטשן וואָס בענקט אייביק נאָך אַ ביסל זון? דאָ האָבן געוווינט צוויי פרויען און אַ קאַץ, וואָס פלעגט זיך שטענדיק קריגן: „מיאו“, וואָס ביסטו אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצן טאָג? „מיאו“, איך בין הונגעריק. און אַז איך האָב איר שוין געגעבן עסן, האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט צוויי געלע, פייערדיקע אויגן און זיך ניט צוגערירט. איך האָב זי ערשט געמוזט איינגעמען: „עס, קעצעלע, עס“. דעמאָלט האָט זי באַוויליגט און עפּעס טועם געווען. דאָס „קעצעלע“ איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס, אַז ס'האָט געקאָנט עסן פונעם טיש.

די דירה האָט אייגנטלעך געדאַרפט זיין מיינע אַליין. איך האָב זי געדונגען, איך האָב געצאָלט דירה־געלט, גאַז און עלעקטריע. ס'איז געווען מיין „אייגנטום“. נאָר ס'ניט באַשערט געווען. מיין „פּאַלאַץ“ איז געוואָרן אַן אַכסניה. עס זיינען געקומען באַקאַנטע פון ניו־יאָרק: אַ חברה פון די לינקע פועלי ציון; א. לוצקיס פרוי איז געקומען אַהער פאַרקויפן זיינע ביכער און ניט געהאַט ווו אַוועקצולייגן ניט דעם קאָפּ און ניט די ביכער, און נאָך אַזעלכע. צום סוף איז געקומען שרה ראַבאָי. קומענדיק קיין לאָס אַנדזשעלעס בין איך געווען איר נאָענטסטע קרובה — און אַלץ צוליב די שלום עליכם הייזער. איז ווו־זשע וועט זי גייך? וועט זי זיך דערווייל אָפּשטעלן ביי מיר און ווי נאָר ראַבאָיען וועט בעסער ווערן נעמט זי אים אַרויס פון סאַניטאַריום און זיי וועלן זיך דינגען אַ ליטישע דירה. זיי וועלן ניט וווינען איז אַזאַ כאַלופּע. און צוריק קיין ניו־יאָרק וועלן זיי אויך אַזוי גיך ניט פאָרן, כאָטש זיי האָבן איבערגעלאָזט, נישט אויפגעגעבן, אַ פּראַכטיקן אַפּאַרטמענט. ראַבאָי דאַרף האָבן די קאַליפאָרניער זון און די דאָקטוירים, וואָס באַהאַנדלען אים אַזוי גוט.

שווער צו גלייבן! נאָר, ווי נעבעכדיק מיין „פּאַלאַץ“ האָט אויסגעזען איז דאָרטן נאָך געווען פרייד אויך. איך האָב זיך דאָ דערוואָרבן אַ סך גוטע פריינד. צווייטנס, און דאָס איז אפשר געווען די הויפּט סיבה, מיר זיינען נאָך געווען יונג — איך אין די דרייסיקער און שרה אין די פריע מיטל־יאָרן. מיר פלעגן אפילו אַמאָל דאָ טאַנצן אויכעט.

איין מאָל האָב איך געמאַכט שרהן אַ סורפּריז פּאַרטי. ראַבאָי האָט מיר דערפאַר צוגעשיקט אַ ספּעציעלן דאַנק־בריוו (ער האָט געוווסט אַז איך פּלאַן אַזאַ מין שמחלה אָבער זי — ניט). נאָר אין גיכן און אָן שום פאַרוואָס, האָט ער אָנגעהויבן איינצוגיין, צאַנקען, צאַנקען. און דאָ גלאַנצט שלום אַש מיט זיינע אַרטיקלען יעדע סוף וואָך. זיין, ראַבאָיס, טשעק פלעגט אָנקומען פון דער „פרייהייט“ רעגולער יעדע וואָך. שרה האָט געהאַט פון וואָס צו לעבן און געהאַט גענוג געלט צו קויפן ראַבאָיען פון שענסטן און בעסטן, וואָס נאָר זיין האַרץ וואָלט געגלוסט. די צרה אָבער איז געווען, וואָס זיין האַרץ האָט אויפגעהערט גלוסטן...

נאָך באַשערט געווען מיר, מיין שווערגעליטן אויסגעווייטיקט האַרץ, אַז פון מיין „פּאַלאַץ“ זאָל מען באַגלייטן שרה ראַבאָי אַהיים שוין אַן אַלמנה, זייער איינציקן זון,

קובאַ פישבין / פאַריז

# דניאל פינקלקרויט — אַ יידישער אַקטיאָר

(אַלבאָם, צונויפגעשטעלט פון רחל בוימוואַל)

מיט אַ געפיל פון טרויער און ווייטיק בלעטערט מען דעם אַלבאָם געווידמעט איינעם פון די פּילאַרן פון דעם געוועזע־נעם מאָסקווער יידישן טעאַטער — דניאל פינקלקרויט. אַרויסגעגעבן אין ישראל, איז דער אַלבאָם צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער באַקאַנטער יידישער דיכטערין פון רוסלאַנד — רחל בוימוואַל — וואָס זינט עטלעכע יאָר איז זי שעפעריש און געזעל־שאַפטלעך אַקטיוו אין ירושלים.

פאַרן ביז גאָר עסטעטישן אויסזען פון דער אויסגאַבע האָבן געזאָרגט די קינסט־לערס, עולים פון רוסלאַנד, יואל שוועד־לאָוו און צפניה קיפּניס. דער לעצ־טער האָט זיך אַ שם געמאַכט מיט זיינע קינסטלערישע ווערק אויף שלום עליכמס טעמעס, געשאַפן נאָך דאָרט אין זיין גלות־היים.

דניאל פינקלקרויט געהערט צו די דאָ־זיקע זעלטענע יידיש־שעפערישע מענטשן וואָס האָבן זיך אַדורכגעגליטשט דורך די נעצן פונעם סאָוועטישן מלאך־המות — בשעת דער ליקווידאַציע פון דער יידי־שער קולטור אין רוסלאַנד. זאָל דער סאָוועטישער תליון האָבן געאַרבעט מיט אַ קלענערער סיסטעמאַטישקייט ווי דער נאַצישער, אָדער, זאָל דאָ האָבן געשטעקט אַ פינצטערע אויסרעכענונג פון סטאַלינען; דער אמת איז, אַז דורך די טויט־נעצן האָט זיך אַדורכגעגליטשט אַ געוויסע צאָל שעפערישע מענטשן פון דער יידישער קולטור־סביבה. אויב דער מלאך המות האָט על פי צופאַל זיי געשענקט דאָס לעבן, האָט זיי אָבער נישט געשאַנעוועט דער אַנגסט פאַרן מינדסטן שאָרך אין גאַס, די שרעק פאַרן קלענסטן קלאַפּ אין זייער טיר. ווי דאַמאָקלעס שווערד איז איבער זייערע קעפּ געהאַנגען דער כסדרדיקער פּחד צו ווערן פיזיש ליקווידירט. דער דאָזיקער סם פון אַנגסט האָט פּאַוואָליע צעפרעסן זייער אָרגאַניזם, צעבראָכן זייער גייסט.

דניאל פינקלקרויט איז פון שרעק נישט צעבראָכן געוואָרן. פאַרקערט, ער האָט נאָך אַנדערע געטרייסט: „לאָזט נישט אַראָפּ די נעז, קינדערלעך — פלעגט ער זאָגן — איר וועט זען אַז אַלץ וועט נאָך גוט זיין, אַרוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין!" רחל באַמערקט: „ווער זענען די „זיי" האָבן מיר אויסגעצייכנט געוווסט." אים האָט צעבראָכן די טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד. דרייסיק יאָר איז דער מאָסקווער יידישער טעאַטער געווען זיין נשמה און דער איבהאַלט פון זיין לעבן; און ווען די יידישע בינע איז צעבראָכן געוואָרן איז פאַר אים געשטאַנען אַ פינצטערע לײדיקייט. דער דינאַמישער בינע־קינסטלער, פינקלקרויט, איז גע־בליבן הענגען ווי אין דער לופטן. פאַר־

---

וועמען מען האָט טעלעגראַפיש אַרויס־גערופן, און דעם אָרון מיטן בינטל טרוי־קענע ביינער פון א. ראַבאַי, וואָס איז צו־געשיקט געוואָרן דירעקט פון סאַניטאַריום צום „יוניאָן סטיישאַן" — די באַן־סטאַנציע פון יענער צייט. ס'געווען אַזאַ מין „אימ־פּראָוויזירטע" לוויה. די גאַנצע שרייבער־משפּחה פון לאָס אַנדזשעלעס: ה. רויזנ־בלאַט, כאַווער־פּאַוער, בראָינשטיין, מאַ־טעס דייטש. עס זיינען דעמאָלט געווען אַ סך יידישע שרייבערס אין שטאָט. די „לינקע" זיינען געקומען מיט גרויס רעש געזעגענען זייער באַליבטן שרייבער. וואָ־רעם כאָטש ער איז געווען אַזאַ לאַנגע צייט קראַנק, איז זיין טויט געווען פאַר אַלעמען אַ פּלוצלינגדיקער, אַן אומגעריכטער, גלייך ער וואָלט אַוועקגעפאַלן אין מיטן גאַס.

* * * * *

וועגן זיך אַליין? מיינע אייגענע איבער־געלעבטע טויטן, יאָ, טויט ברבים. ווער קאָן דאָס דערציילן בפרהסיה? און זעט נאָר — זר מוזר — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין: עס גלוסט זיך נאָך שרייבן. רבונו של עולם! לעב איך צי בין איך געשטאָרבן?